בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת קדושים
ו אייר
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 26
(78)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְּרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.**

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דִי שָׂרִים דִי זַאךְ פוּן דֶעם שְׁטוּל, אַז מֶען דַארְף אַבִּיסְל רִיקְן דֶעם טִישׁ, דִי בֶּעט, אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דָאס רוֹיזֶעלֶע.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

וִוי מֶע הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין אַלֶע צוּ שְׁפִּילִין דֶעם ווּאוֹילִין נִיגוּן וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיטָאן דָאס וָואס זֵיי בַּאדַארְפִין צוּ טוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים אָפְּגִיגֶעבְּן דִי מְלוּכָה. (דְהַיְינוּ דֶעם אֱמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאוִויזִין כַּנַ"ל).

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה. הַיְינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ אוּן דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה בֶּאֱמֶת.

פַארְצַייטִין אַז מֶע פְלֶעגְט שְׁמוּסִין קַבָּלָה פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּסִין מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז. אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן סֶע גָאר אֵיינְס. דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ'. אוּן דִי שְׁטוּל אוּן דֶער גָארְטְן וְכוּ'. סֶע גָאר אֵיינְס. אַמָאל הֵייסְט עֶס אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי.

דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה. אִיז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטוּל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִימַאכְט וָואס דֶער עִיקָּר חָכְמָה אִיז אַז מֶע זָאל ווִיסִין וִוי אַזוֹי מְסַדֵר צוּ זַיין אִיטְלִיכֶע זַאךְ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער סֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין סְפָרִים. אוּן אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם בֶּאֱמֶת. קָאן עֶר פַארְשְׁטֵיין דָאס פֵּירוּשׁ נָאר מֶע מוּז ווִיסִין מֶע זָאל גוּט מְסַדֵר זַיין. וָוארִין אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס הָאט אַלְץ עֶר אַלֵיין ע"ה גִישְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה.

## וָואס אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְדֶעם

מִיר לֶערְנֶען שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען זֶעט שׁוֹין צוּ וָואס דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז צוּגֶעקוּמֶען, צוּ אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, דַארְפְן מִיר אָבֶּער גֶעדֶענְקְן דֶעם אָנְהוֹיבּ מַעֲשֶׂה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעם, וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן זַיין מְדִינָה פַארְבִּיטֶערְט, וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת פַארְוָואס עֶס קוּמְט זִיךְ אִים עֶר זָאל דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן אוּמְזִיסְט, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שִׁיכּוּרְ'ן אוּן נָאכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶעס וָואס זַיין הַארְץ גְלִיסְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט זַאכְן וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל, וואוּ עֶר אִיז אַלְץ אַרָאפּ גֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, [אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת טְרֶעפְט מֶען נָאר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן טְרֶעפְט מֶען דָאס נִישְׁט], אוּן יֶעצְט וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִּיק אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וַוייל מֶען זֶעט דָא אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְלֶעצֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק,

קומט אויס אז דורך די עצות פונ'עם צדיק, דער הייליגער רבי, קען יעדער איינער ארויסגיין פון זיינע שלעכטע מעשים און צוקומען צו גאר שיינע זאכן.

## צוקומען צום מלוכה

אזוי ווי דער בן מלך האט זוכה געווען אז מען האט אים אפגעגעבן דאס מלוכה, אזוי האט יעדער איינער א מלוכה; דאס הייסט, יעדער מענטש האט עפעס א זאך וואס ער קען צוגעבן פאר די וועלט, וואס דערפאר איז ער אראפגעקומען אויף דער וועלט כדי דאס צו ערפילן, דער מענטש זעלבסט ווייסט נישט וואס זיין זאך איז, און וואס דער אייבערשטער ערווארט פון אים, אבער אז מען איז זוכה צו קומען צום צדיק, און מען טוט אלע עצות פונעם צדיק, איז מען זוכה צו צוקומען צום מלוכה, צו ערפילן דעם ריכטיגן תכלית וואס מען דארף טון אויף די וועלט.

## לאמיר צוריק קוקן

מיר שטייען יעצט אום 'שבת הגדול', עס קומט שוין באלד דער הייליגער יום טוב פסח, זעט מען א מורא'דיגע זאך, אידישע קינדער האבן פסח זוכה געווען ארויס צו גיין פון מצרים, און זיי זענען דערהויבן געווארן צו די מדריגה פון 'ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים' (רש"י שמות טו, ב), און נאכדעם האבן זיי זוכה געווען צו קבלת התורה. לאמיר אבער צוריק קוקן, וואס זענען זיי געווען פארדעם? נישט צו לאנג צוריק זענען זיי געווען אין מצרים ליגנדיג אין אלע טמאות; נאר דורך דער צדיק - משה רבינו, איז מען ארויס געגאנגען פון אלע טמאות און דערהויבן געווארן צו די העכסטע מדריגות. דאס איז מורא'דיגע התחזקות פאר יעדן איינעם, א מענטש איז ביי זיך צעפאלן **'וואס וועט שוין זיין מיט מיר', 'איך בין שוין סיי ווי אראפ געפאלן'**, זעט מען דא אז דורכ'ן צדיק קען מען דערהויבן ווערן פון די נידריגסטע מדריגות צו די העכסטע מדריגות.

## אן עניו ווי הלל

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, געווענליך ווען א מענטש וויל אריין גיין אין די קדושה, ער וויל ווערן הייליג, קומט דער יצר הרע פונקט דאן און ברענגט אין אים אריין מחשבות **'ווער ביסטו? דו ביסט דאך א נידריגער מענטש, דו ליגסט אין עבירות!'** ער דערמאנט אים זיינע אלטע מעשים: **'האסט געטון עבירות', 'האסט געשיכור'ט און געגאנגען צו עבירות וכו'**', ווי צדיקים טייטשן דעם פסוק (תהלים י, ג): **"כי 'הלל' רשע על תאות נפשו"**, ווען עס קומט צום דאווענען און לערנען, ווערט דער מענטש אן עניו ווי הלל, דעמאלט טראכט ער: **'ווער דארף מיין דאווענען? ווער דארף מיין לערנען?'** איבערהויפט ווען עס קומט הייליגע צייטן ווי א סדר נאכט אדער אנדערע מצות, דעמאלט זוכט דער יצר הרע נאכמער צו צעברעכן דעם מענטש.

## דער יצר הרע וויל גוט צעברעכן

זאגט דער הייליגער ראפשיצער רב זכותו יגן עלינו (זרע קודש, פרשת בא) אז דאס איז פשט אין די ווערטער וואס מען זאגט ביי קידוש: **"תחלה למקראי קדש"** - ווען א מענטש וויל זיך באנייען, ער וויל אנהייבן גיין אויף די גוטע וועג, ער וויל זיך פארנעמען א פרישע קבלה, און דער יצר הרע וויל אים מאכן גוט צעבראכן מיט'ן אים דערמאנען זיינע אלטע מעשים. **'זכר ליציאת מצרים'** - זאל ער זיך דערמאנען יציאת מצרים, ווי אזוי די אידן זענען אויך געווען איינגעזונקען אין די מ"ט שערי טומאה, אבער זיי האבן געהאט דעם צדיק משה רבינו און דורכדעם האבן זיי זוכה געווען ארויס צו גיין פון אלע טמאות און צוגעקומען צו די העכסטע מדריגות, דעריבער דארף א מענטש גיין צום צדיק, וועט ער אויך נאנט ווערן צום אייבערשטן.

## די מתנה פון 'התבודדות'

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן דעם הייליגן רבי, וואס האט אונז געגעבן אזעלכע זיסע עצות, און אויב מען פאלגט די עצות איז מען זוכה ארויסצוגיין פון אלע פראבלעמען. איין עצה וואס דער רבי האט אונז געגעבן איז די מתנה פון 'התבודדות'; א מענטש זאל יעדן טאג רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן, זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיט אים. אין אנהייב איז עס שווער צו טון, מען דארף זיין אן עקשן און אפמאכן 'איך גיי דאס טון, איך מוז יעדן טאג רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן' און מיט די צייט ווערט עס גרינגער.

## וֶוען צוּ רֶעדְן

וֶוען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וַוייל יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין צַייט וָואס אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינֶעם אִיז עֶס בַּיינַאכְט אִין בֶּעט, אֵיינֶעם אִיז עֶס אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף, אֵיינֶעם אִיז עֶס וֶוען עֶר גֵייט אִין גַאס, אוּן אֵיינֶעם אִיז עֶס וֶוען עֶר פָּארְט אִין זַיין קַאר.

## וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן

אַזוֹי אוֹיךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן, וַוייל אֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער זִיצְנְדִיג, אוּן אַ צְוֵוייטְן לִיגְנְדִיג, אוּן אַ דְרִיטְן גֵייעֶנְדִיג; אֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער מִיט מוּזִיק אוּן אַ צְוֵוייטְן אָן מוּזִיק, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַ וֶועג וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ קֶען מֶען זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## דְרֵיי שְׁוֶוערְסְטֶע מַסֶכְתּוֹת

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז 'לִימּוּד הַתּוֹרָה'; מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. דֶער סִיבָּה פַארְוָואס רוֹב מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט אִיז וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען; אֲפִילוּ דִי וָואס גֵייעֶן צוּ אַ שִׁיעוּר וואוּ מֶען לֶערְנְט פָאר דֶעם דַף, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן גֶעוֶוענְלִיךְ וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר, אִיז אָבֶּער מַסֶכֶת יְבָמוֹת אַנְדֶערְשׁ - דָא אִיז נִישְׁט דָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, מֶען דַארְף דֶערְבֵּיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קָאפּ זִיךְ קֶענֶען גוּט קָאנְצֶעטְרִירְן אִין דִי עִנְיָנִים, וִוי דֶער זוֹהַר הַקוֹדֶשׁ (פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, דַף רעה:) רֶעכְנְט אוֹיס מַסֶכֶת יְבָמוֹת צְוִוישְׁן דִי דְרֵיי שְׁוֶוערְסְטֶע מַסֶכְתּוֹת, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם.

## רֶעדְן שַׁיין אִינְדֶערְהֵיים

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז 'רֶעדְן שַׁיין אִינְדֶערְהֵיים', אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט צוּרִיק קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער; אֲפִילוּ דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, בִּפְרַט יֶעצְט דִי וָואךְ פַאר פֶּסַח, אָבֶּער אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אַיינְבֵּייגְן מַיין קָאפּ פַאר דִיר אַז עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין"**, - קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

## דִי סְדָרִים

אִיבֶּערְהוֹיפְּט יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי סְדָרִים; מַה-דָאךְ אַ פָּשׁוּט'ֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה דַארְף מֶען הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט דִי לֵילֵי הַסֵדֶר דַארְף מֶען נָאכְמֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל רֶעדְן שַׁיין, אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

## גֶעשְׁפָּארְט דֶעם 'יַחַץ'...

מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס קֶען אַלְץ פַּאסִירְן אוּן צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַ נִסָיוֹן פוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן. דִי קְלֵיינֶע בֵּיישְׁפִּילְן זֶענֶען; יֶעדֶעס קִינְד בַּאקוּמְט דָאךְ אָן אָנְגֶעפִילְטֶע בֶּעכֶער וַויין אוּן בְּטָעוּת גִיסְט זִיךְ אוֹיס... אָדֶער גִיסְט מֶען אָן בְּטָעוּת 'קַאוֶוע' אָדֶער 'בָּארְשְׁט' אוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן טְרִינְקֶען זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וַויין... (אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אַמָאל מִיטְגֶעהַאלְטְן בַּיי אֵיינֶעם), אָדֶער מֶען גְרֵייט אָן דְרֵיי שֵׁיינֶע מַצוֹת אִין דִי מַצָה טַאשׁ, אוּן אֵיינֶער צֶעבְּרֶעכְט בְּטָעוּת דִי מַצוֹת, - מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ טַאקֶע פְרֵייעֶן וַוייל מִיט דֶעם הָאט מֶען זִיךְ כָאטְשׁ גֶעשְׁפָּארְט דֶעם 'יַחַץ', וֶוער וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דֶער יַחַץ וָואלְט גֶעלוּנְגֶען אָנְדֶעם...

## אִיךְ שְׁרֵיי וַוייטֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס...

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל פְּרוּבִּירְן אָנְצוּגְרֵייטְן אַלֶעס פוּן פָארְאוֹיס, עֶר וֶועט כַּשֶׁרְ'ן גֶענוּג פְּרִי, אוּן אָנְגְרֵייטְן דִי מָרוֹר גֶענוּג פְּרִי, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואס גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מֶען מוּז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ פֵיינֶע שְׁטוּבּ, אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער, עֶרֶב שַׁבָּת הָאט מֶען אַלֶעס גֶעטוּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, וֶוען דִי בֶּעל הָאט שׁוֹין גֶעקְלִינְגֶען אִיז מֶען הֶערְשְׁט גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט מַאכְן דֶעם זֶעלְבְּן טָעוּת, דֶערְפַאר גֵייט עֶר שׁוֹין אִין מִקְוֶה

אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן זְמַן א.א.וו. עֶר פְּרוּבִּירְט אַלֶעס צוּ טוּן גֶענוּג פְּרִי כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זִיךְ דַארְפְן יָאגְן און שְׁרַייעֶן, לְמַעֲשֶׂה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז גָארְנִישְׁט הֶעלְפְּט נִישְׁט, **"אִיךְ שְׁרַיי וַוייטֶער, אִיךְ ווייס נִישְׁט פַארְוָואס"**... ווייל אָן תְּפִלָּה הֶעלְפְּט נִישְׁט קֵיין שׁוּם עֵצָה, מֶען מוּז בֶּעטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת און אַ פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב.

### אִיךְ שְׁמַייס אַרַיין אִין אַ וַואנְט...

מֶענְטְשְׁן מַאכְן גַאנְצֶעטֶע פְּלֶענֶער וואו מֶען גֵייט גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען דִי חוֹל הַמּוֹעֵד טֶעג, אַלֶעס אִיז גוּט אוֹיסְפְּלַאנִירְט, אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען צוּלֵייגְן - 'תְּפִלָּה', בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אַלֶעס בְּשָׁלוֹם. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אֵיין יָאר הָאט זַיין טַאטֶע גֶענוּמֶען זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן, אִינְמִיטְן וֶועג אִיז גֶעוָוארְן אַ לַאנְגֶע טְרֶעפִיק, און דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבְּרָאכְן וְכוּ', אִיז דֶער טַאטֶע נֶערְוֶועז גֶעוָוארְן, און דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אָנְגֶערוּפְן, הָאט דֶער טַאטֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי מַאמֶע: **"נָאךְ אֵיין וָוארְט דוּ רֶעדְסְט, שְׁמַייס אִיךְ אַרַיין אִין אַ וַואנְט, און אִיךְ הַרְגְ'עֶ דִיךְ מִיט מִיךְ צוּזַאמֶען!"**... דֶער טַאטֶע אִיז טַאקֶע אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, און אַז מֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב.

### נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג

מֶען דַארְף אָבֶּער צוּלֵייגְן, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן און דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל פָארְן אוֹיף רֶעדֶער; עֶס דַארְף יָא אִינְטֶערֶעסִירְן, עֶס זָאל זַיין סֵדֶר, נָאר מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין כַּעַס, שְׁרֵייעֶן און שְׁלָאגְן. דָאס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ, ווייל מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער ווי אַזוֹי זִיךְ פִירְן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג.

### עֶר קֶען דָאךְ פַארְלִירְן זַיינֶע קִינְדֶער

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט מִיר אוֹיף אֵיינֶעם: "יֶענֶער אִיז דַיין מִתְנַגֵּד?" אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ מֵיינְט מִיר צוּ פְרֶעגְן, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיר זֶענֶען חֲבֵרִים, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"נוּ, אַז עֶר אִיז דַיין חָבֵר, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אִים נִישְׁט אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער?! עֶר קֶען דָאךְ פַארְלִירְן זַיינֶע קִינְדֶער, גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים און רֶעד צוּ אִים"**. אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט מוֹהֲרָא"שׁ, און גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים שְׁפַּאצִירְן און אִיךְ בִּין אַרַיין מִיט אִים אִין אַ שְׁמוּעֶס פְרֶעגְנְדִיג פַארְוָואס עֶר לָאזְט זַיינֶע קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווילְן, הָאט עֶר מִיר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: וָואס הֵייסְט, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער... הָאבּ אִיךְ אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיצְן אִין דִי זַייט זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת און לָאזְן דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווילְן; אַוַודאי טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן און רַצְחְ'נֶען דִי קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן ווי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן.

### אָן פֶּעטְשׁ און פַארְשֶׁעמֶען

עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין עֶקְסְטְרֶעם, אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, סַיי מִיטְ'ן זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְהוֹילְן פוּן דִי קִינְדֶער, זִיצְן און זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אָן זִיךְ בִּכְלַל אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, און סַיי מִיטְ'ן נֶעמֶען דִי אַנְדֶערֶע וֶועג פוּן פְרַאסְקֶענֶען און הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער. אָבֶּער דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז, יָא זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, זִיךְ אוּמְקוּקְן וָואס זֵיי טוּעֶן און זֵיי זָאגְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָבֶּער עֶס זָאל צוּגֵיין אָן פֶּעטְשׁ און פַארְשֶׁעמֶען; און דָאס צוּ קֶענֶען בַּאוַוייזְן אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ נָאר אַז מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב. און דֶער סוֹף מַעֲשֶׂה זָאל אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.**